**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/26/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אז קאנסטרוקציע וועט זיך אנהייבן אויף 100 מיליאן דאלערדיגע געמישטע-באניץ צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין ברוקלין**

***ערשטע פאזע פון 'עדזשמער קאָמאָנס' וועט ליפערן 194 צוגענגליכע וואוינונגען, אריינגערעכנט 59 מיט שטיצנדע סערוויסעס, און 23,000 סק. פיס פאר ערשטע שטאק ריטעיל געשעפטן***

***אנטוויקלונג פון געוועזענער שפיטאל ארט אין פאַר ראָקעוועי וועט ענדגילטיג שאפן איבער 2,000 געמישטע איינקונפט אפארטמענטס, מעדיצינישע איינריכטונגען און פובליק ארט***

***טייל פון גאווערנער'ס נייער 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן***

גאווערנער קעטי האוקול און מעיאר אדאמס האבן האט היינט אנאנסירט דאס אנהויבן קאנסטרוקציע אויף א 100 מיליאן דאלערדיגער צוגענגליכער און אונטערהאלטנדער האוזינג דעוועלאפמענט אין פאַר ראָקעוועי, קווינס. די 17-שטאקיגע געביידע מיט 194 דירות איז דער ערשטער פאזע פון אן 11-פאזעדיגער מייסטער ווידער-אנטוויקלונג ביי דעם געוועזענעם 'פענינסולע' שפיטאל צענטער ארט. די געמישטע-באניץ קאמיוניטי, באקאנט אלס 'עדזשמער קאָמאָנס', וועט עווענטועל אנבאטן איבער 2,000 צוגענגליכע וואוינונגען, ריטעיל געשעפטן, קאמיוניטי ערטער, מעדיצינישע איינריכטונגען און אינדרויסנדיגע פובליק ארט.

"'עדזשמער קאָמאָנס' איז א טראנספארמירנדע אנטוויקלונג וואס וועט פארבעסערן די לעבנס פון איינוואוינער און פארשטערקערן דעם גאנצן פאַר ראָקעוועי קאמיוניטי פאר די קומענדע צענדליג-יארן," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דורך אינוועסטירן אין דעם 100 מיליאן דאלערדיגן געמישטע-באניץ אנטוויקלונג שאפן מיר הויכע קוואליטעט האָוזינג, מעדיצינישע סערוויסעס, קאמערציעלע אקטיוויטעט און פובליק ארט וואס טוט ווידער-ענערגיזירן געגנטער און בויען א מער אריינעמיגע, זיכערע און לעבהאפטע קאמיוניטי פאר יעדן."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "דער פראיעקט פארטרעט א העכסט-נויטיגע אינוועסטירונג און א קריטיש-וויכטיגע נייע הילפס-מיטל פאר א קאמיוניטי וואס עס קומט זיך זיי. מיט נישט בלויז צוגענגליכע וואוינונגען נאר אויך פובליק און ריטעיל געשעפטן, מאכן מיר דאס בעסטע וואס מען קען טון מיט דעם ערד-שטח און ברענגען זיכערהייט, בליאונג, און גוטע געזונט צו הונדערטער ניו יארקער."

'עדזשמער קאָמאָנס' איז טייל פון גאווערנער האוקול'ס ברייט-ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. די גאווערנער האט אריינגעברענגט און ערפאלגרייך פארזיכערט, אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן גרונטליכן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער היטן 100,000 צוגענגליכע היימען

לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

דער 11-פאזעדיגער מייסטער דעוועלאפמענט איז דער רעזולטאט פון א גרויס-פארנעמיגע ווידער-זאָונינג ביי דעם געוועזענעם 'פענינסולע' שפיטאל צענטער. נאכ'ן פארענדיגט ווערן וועט 'עדזשמער קאָמאָנס' אריינגעמען 2,050 צוגענגליכע און מיטלמעסיגע איינקונפט דירות, פובליק צוטריטליכע אפענע ערטער, נייע מעדיצינישע איינריכטונגען, ערשטע שטאק ריטעיל געשעפטן, און פארקינג.

די נייע אנטוויקלונג ארבעט אינאיינעם מיט די צילן פון ניו יארק סיטי'ס ווידערשטאנד-פעאיגע 'עדזשמער' קאמיוניטי פלאן, וועלכס לייגט די פרעימוואָורק פאר אנגייענדע אינוועסטירונג דורך דער שטאט אין דעם 'עדזשמער' קאמיוניטי פאר פילע יארן אינ'ם צוקונפט. דער פלאן, אנטוויקלט דורך איינגעגעבענע מיינונגען פון דער קאמיוניטי, טוט צוזאמפאָרן דער שטאט'ס ערהוילונג באמיאונגען פון הארייקעין 'סענדי' מיט א לאנג-טערמיניגע בליק פאר א העכערע לעבנס-קוואליטעט פאר 'עדזשמער' איינוואוינער.

די ערשטע געביידע וועט פיגורירן 194 צוגענגליכע דירות, 23,000 סק. פיס פון ערשטע שטאק ריטעיל געשעפטן און 24,000 סק. פיס פון פארקינג פאר איינוואוינער. די ריטעיל געשעפטן ארט איז ערווארטעט אריינצונעמען א סופערמארקעט, וועלכס איז באשטימט געווארן אלס א דרינגענדע נויט דורך קאמיוניטי מיטגלידער דורכאויס דער צייט אפשניט פאר'ן פובליק איינצוגעבן מיינונגען אויף דעם פלאנירונג פראצעס.

דער דעוועלאָפמענט וועט באשטימען 29 פאר ערוואקסענע מיט אינטעלעקטועלע אדער אנטוויקלונג דיסאביליטיס וועלכע וועלן האבן צוטריט צו אויפ'ן-ארטיגע האָוזינג שטיצע סערוויסעס צוגעשטעלט דורכ'ן 'בלאק' אינסטיטוט.

נאך 30 דירות וועלן געלייגט ווערן אין דער זייט פאר ערוואקסענע וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט. די איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו רענט סאָבסידיס און שטיצנדע סערוויסעס דורך אן עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו אנגעפירט דורך דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט. דער סערוויס פראָוויידער איז 'וועל-לייף' נעטוואָרק.

איינוואוינער באקוועמליכקייטן וועלן פארמאגן א קאמיוניטי צימער, א פארוויילונגס צימער, ביציקל סטאָרעדזש, לאָנדרי איינריכטונגען, א דאך טעראסע און אינדרויסנדיגע ארט פאר אקטיוויטעטן.

די געביידע איז געאייגנט נאכצוקומען הויכע סטאנדארטן פאר ענערגיע שפּאָרזאמקייט און וועט נאכיאגן 'LEED גאלד' באשטעטיגונג. ענערגיע-שפארעדיגע אייגנשאפטן נעמען אריין סאָלאַר פּענעלן, 'ענערדזשי סטאַר' באלייכטונג, און 'ענערדזשי סטאַר' עפלייענסעס ווי צ.ב.ש. פרידזשידערן, געשיר-וואשער, באדצימער ווענטילאטארן און לאָנדרי מאשינען. דער 'עדזשמער קאָמאָנס' מייסטער דעוועלאָפּמענט וועט אויך איינגלידערן ווידערשטאנד פעאיגקייט מאסנאמען צו באשיצן פאַר ראַקעוועי קעגן צוקונפטיגע שטורעם פאסירונגען.

דער דעוועלאָפּמענט טיעם פאר דער ערשטער געביידע ביי 'עדזשמער קאָמאָנס' באשטייט פון 'דע ארקער קאמפאניס' און 'סלעיט' פּראָפּערטי גרופע.

סטעיט פינאנצירונג פאר דער ערשטער פאזע רעכנט אריין 14.7 מיליאן דאלאר אין קביעות'דיגע שטייער-פארגעבענע באנדס און פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 47.7 מיליאן דאלאר אין אייגנטום פון ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל'. דער

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראאמענטאלע אפהיטונג האט געשאנקען בראָונפילד אויפרוימונג פראגראם שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 5.6 מיליאן דאלער אין אייגנטום.

דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס שטעלט צו 5 מיליאן דאלער אין שטיצע. OMH וועט צושטעלן 750,000 דאלער יערליך אין סובווענצן פאר די 30 שטיצנדע דירות דורך דעם עמפּייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו, ווי אויך 258,000 דאלער אין פראגראם דעוועלאָפּמענט גרענט סטאַרט-אַפּ הוצאות.

דער ארט האט אנטיילגענומען אינ׳ם ערפאלגרייכן ׳בראָונפילד׳ אויפרוימונג פראגראם פונ׳ם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג און איז געווארן בארעכטיגט פאר שטייער קרעדיטס נאכ׳ן פארענדיגן דעם פראיעקט. דער ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון האוזינג אפהיטונג און אנטוויקלונג שטעלט אויך צו 22.7 מיליאן דאלער אין סובווענץ.

אין דעם 2022-23 סטעיט בודזשעט, האט גאווערנער האָקול פארלענגערט און פארברייטערט ניו יארק סטעיט׳ס בליענדע [בראָונפילד אויפרוימונג פראגראם](BCP), וועלכס שטייט גרייט אפצולויפן אין דעצעמבער 2022. דער פראגראם איז ווידער אויטאריזירט געווארן פאר 10 יאר. דער בודזשעט פארבעסערט דעם BCP דורך באלוינען אויפרוימונג אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן. אין צוגאב טוט דער פראגראם ווידער-באשטעטיגן גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו צוגענגליכע האָוזינג אנטוויקלונג דורך פארברייטערן דעם אוניווערס פון צוגענגליכע האָוזינג פראגראמען בארעכטיגט פאר BCP פראָפּערטי שטייער קרעדיטס, און באזארגט העכסט-נויטיגע בענעפיטן צו באלוינען דאס ווידער-אנטוויקלען בראָונפילדס אלס העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג. ווייטער טוט דער BCP איצט מוטיגן דאס אנטוויקלען געוויסע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען, מיט נייע שטייער קרעדיטס, צו העלפן פאקוסירן BCP-געטריבענע ווידער-אנטוויקלונג און נאכקומען די סטעיט׳ס אמביציעזע קלימאט צילן.

**׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״׳עדזשמער קאָמאָנס׳ וועט אינגאנצן ענדערן די אומשטענדן פאר פאַר ראַקעוועי קאמיוניטי דורך העכערן האָוזינג סופליי, אויפטרייבן נייע עקאנאמישע אקטיוויטעט, און פארשטערקערן לעבנס-קוואליטעט פאר יעדער וואס רופט דעם געגנט זייער היים. נאכ׳ן פארענדיגן, וועט ׳עדזשמער קאָמאָנס׳ אנבאטן טויזנטער מאדערנע דירות פאר פאמיליעס און עלטערע מענטשן, אינטעגרירטע שטיצנדע וואוינונגען, קאמיוניטי איינריכטונגען און אפענע פובליק ערטער. די סטעיט׳ס אינוועסטירונג אין דער 100 מיליאן דאלערדיגער אנהייב פאזע איז א דערפרייענדע ערשטע טריט וואס וועט ליפערן 194 צוגענגליכע היימען, אריינגערעכנט 59 מיט אונטערשטיצנדע סערוויסעס פאר ערוואקסענע וועלכע נייטיגן זיך אין הילף אויף צו קענען וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט. קאנגראטולאציעס צו אלע שותפים פאר׳ן מאכן דער אנטוויקלונג א ווירקליכקייט.״

**דער אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס קאמיסיאנערין קערי נייפעלד האט געזאגט,** ״OPWDD שטאלצירט זיך צו זיין א טייל פון דער מולטי-פאזע פראיעקט וואס וועט באזארגן 29 נייע קאמיוניטי-באזירטע געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס אויף צו קענען אויסזוכן זייער זעלבסטשטענדיגקייט און גלייכצייטיג זיי צושטעלן די ריכטיגע מאס אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע פון דעם ׳בלאק׳ אינסטיטוט זיי צו העלפן געפונען ערפאלג. אינאווירנדע האָוזינג איניציאטיוון, ווי צ.ב.ש. ׳עדזשמער קאָמאָנס׳, גיבט ענדלאזע מעגליכקייטן פאר די מענטשן וועמען מיר שטיצן אויף צו לעבן און אנטיילנעמען אין זייערע געגנטער און מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס זענען דורך און דורך געשטיצט אויף צו וואוינען מיט כבוד און זעלבסט-עהרע אינערהאלב זייערע קאמיוניטיס.״

**דער אפיס פאר גייסטישע געזונט קאמיסיאנערין דר. ען סוליוואן האט געזאגט,** "'עדזשמער קאָמאָנס' וועט צושטעלן הערליכע היימען אויף צו ערמעגליכן פאר מער-באדערפטיגע מענטשן און פאמיליעס אויף צו וואוינען ערפאלגרייך אין זייער קאמיוניטי בשעת'ן באקומען די סערוויסעס אין וועלכע זיי נייטיגן זיך. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר'ן זיין א גרויסע שטיצער פון פארברייטערן אונזער נעטוואָרק פון אונטערהאלטנדע דירות לענגאויס דעם סטעיט. איר האָוזינג פלאן וועט שאפן אדער היטן 10,000 יוניטס פון שטיצנדע האָוזינג, וואס וועט געבן טויזנטער מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קרענק די מעגליכקייט צו וואוינען אין זיכערע און סטאבילע האָוזינג."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענוויירענמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט, געשטיצט דורך גאווערנער האוקול'ס שטיצע פאר דעם בראָונפילד אויפרוימונג פראגראם אין דעם 2022-23 סטעיט בודזשעט, פירט אויס ווייטער אויף איר פארשפרעכונג צו טראנספארמירן הונדערטער אונטערבאניצטע, פארלאזטע, און פארנאכלעסיגטע פּראָפּערטיס אויף פראדוקטיווע ערטער וועלכע בענעפיטן די קאמיוניטיס ארינגס-און-ארום. מיט DEC'ס ערפאלגרייכער 'בראָונפילד' אויפרוימונג פראגראם און אנדערע פינאנצירונג פון סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער, וועט דער געוואוזענער 'עדזשמער קאָמאָנס' אין קווינס דינען א ניצבארע צוועק פון וועלכע עס וועלן געניסן פילע צוקונפטיגע דורות."

**האָוזינג אפהיט און אנטוויקלונג קאמיסיאנער אדאלפא קאריאן דזשוניאר האט געזאגט,** "לייגן דעם גרונטשטיין אויף דעם 'עדזשמער קאָמאָנס' אנטוויקלונג פארטרעט וואס מען קען ערווארטן אינ'ם צוקונפט פון דעם ים-ברעגע קאמיוניטי: מער צוגענגליכע האָוזינג, מער קאמיוניטי הילפס-מיטלען, מער גראסערי און רעסטוראנטן אפציעס, מער דזשאָבס און, דאס וויכטיגסטע, מער גרייטקייט פאר דער הייבונג פון ים-הייעך און סופּערסטאָרמס ווי האריקעין 'סענדי'. HPD'ס ווידערשטאנד-פעאיגע 'עדזשמער' קאמיוניטי פלאן ברענגט מיליאנען דאלארען אין פלאנירטע אינוועסטירונג נישט נאר איבערצובויען, נאר אויך זיך ווידער-פארשטעלן וואס דער קאמיוניטי קען ווערן. דורך פראיעקטן ווי 'עדזשמער קאָמאָנס' — און מיט די הילף פון אונזערע צוזאמארבעטער אין ניו יארק סטעיט רעגירונג, 'ארקער קאמפּאַניס', 'סלעיט' פּראָפּערטי גרופּע, און 'בלאק' אינסטיטוט — מאכן מיר דעם טרוים א ווירקליכקייט פאר די מענטשן וועלכע רופן 'עדזשמער' זייער היים."

**ניו יארק סיטי הויפט האָוזינג באאמטע דזשעסיקע קעטס האט געזאגט,** "דאס איז אן אויסגעצייכנטער פראיעקט אין אונזער באמיאונג צו לייזן דער שטאט'ס האָוזינג מאנגל. 'עדזשמער קאָמאָנס' וועלן באלד ווערן דער היים ארט פאר איבער 2,000 נייע צוגענגליכע דירות פאר ניו יארקער אין א קאמיוניטי וואס שטייט אויס א קריטישע האָוזינג באדערפעניש. נישט נאר איז דאס א גרויסער האָוזינג אינוועסטירונג, נאר 'עדזשמער קאָמאָנס' פארטרעט אויך די סארט האליסטישע קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן וועלכס העלפט אונז באזארגן אלע ניו יארקער מיט די באקוועמליכקייטן, דזשאָבס און הילפס-מיטלען וואס קומט זיך זיי צו האבן ארטיג. צי עס איז א נייע גראסערי סטאר אדער קאמיוניטי אדער פובליק ערטער אויפ'ן געבוי פון הויכע-קוואליטעט וואוין-ערטער, איין פראיעקט אויף א מאל, בויען מיר א מער יושר'דיגע און צוגענגליכע ניו יארק סיטי פאר אלע אונזערע שכנים."

**דעפארטמענט פון שטאט פלאנירונג דירעקטאר דאן גאראדניק האט געזאגט,** "מיט צוגענגליכע האָוזינג, א גראסערי סטאר און פובליק פלאץ, ווייזט 'עדזשמער קאָמאָנס' וויאזוי קלוגע אויספלאנירן קען ליפערן אויף מערערע צילן אויף א מאל. DCP שטאלצירט זיך צו האבן געהאלפן פאראויס-ברענגען דער ווידערשטאנד-פעאיגער אנטוויקלונג און מיר קוקן ארויס צו דעם טאג וואס עס וועט ארייננבאגלייטן צוקונפטיגע איינוואוינער צו זייערע וואוינונגען."

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פי. אדאבא דזשוניאר, האט געזאגט,** "דער דאזיגער לאנג-ערווארטעטער פראיעקט לאזט זיך אין גאנג און וועט זיין א גרויסע טובה פאר 'עדזשמער' און די ארומיגע

קאמיוניטיס. די ערשטע פאזע פון דעם ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ פראיעקט איז באשטימט ארייננצוברענגען באלד 200 צוגענגליכע אפארטמענטס, ריטעיל געשעפטן און שטיצנדע סערוויסעס וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון הונדערטער איינוואוינער. ווען מיר שאפן שטיצע פאר מענטשן און הערן אויס די באדערפענישן פון א קאמיוניטי, קענען מיר אנהייבן אויפצוהייבן מענטשן און זיי צושטעלן געלעגנהייטן מיט וועם זיי וואלטן זיך קיינמאל נישט פריער געטראפן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קאליל אנדערסאן האט געזאגט,** ״איך בין גרייט אויפצונעמען די נייע דעוועלאָפּמענט פון ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ וואס וועט איבערבייטן און ווידער אויסארבעטן דעם אלטן ׳פעגינסולע׳ שפיטאל צענטער ארט אויף נאך א קאמיוניטי אנקער אינסטאנץ וואס וועט באזארגן דירות פאר היימלאזיגקייט, ערוואקסענע מיט אנטוויקלונג דיסאַביליטיס, און דאס ריזיגן צאל 2,050 צוגענגליכע און מיטלמעסיגע איינקונפט דירות. דאס איבערבויען דעם ראַקעוועי ׳פענינסולע׳ גייט ווייטער אן.״

**קווינס באָרא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס דזשוניאר האט געזאגט,** ״דאס אנהייבן גראבן אויף דער ערשטער פאזע פון ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ פארטרעטן א הויפט גרייכפונקט אין אונזער געמיינזאמע באמיאונג צו שאפן א שטאנדהאפטיגע, ווידערשטאנד-פעאיגע און באקוועמליכקייט-אנגעפילטע קאמיוניטי וואס וועט ברענגען העכסט-נויטיגע און לאנג-פארשפעטיגטע צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג פאר די פאמיליעס פון ראַקעוועי. נאך יארן פארנאכלעסונגען וואס שטאמט פון דאס פארשליסן דעם אלטן ׳פענינסולע׳ שפיטאל, דער רעוואלוציאנערישע ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ איז איצט איין טריט נאענטער צו דער ווירקליכקייט. דער צוקונפט פון ׳עדזשמער׳ און דער גאנצער ראַקעוועי ׳פענינסולע׳ קוקט אויס ליכטיגער א דאנק די אנטוויקלונג פון ׳עדזשמער קאַמאַנס׳.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מאיאריטעט וויפ סעלווענא נ. ברוקס-פאווערס האט געזאגט,** ״אלס א געוועזענע ׳פענינסולע׳ שפיטאל ארבעטער, אנערקען איך די באדייטנדע פארלוסט וואס אונזער קאמיוניטי האט אויסצושטיין אין דער איינריכטונג׳ס פעלן. מיט דעם אלעם בין איך גאר צופרידן אז דער ארט וועט אדרעסירן נאך א קריטיש-וויכטיגע באדערפעניש — צוטריט צו נייע, צוגענגליכע האָוזינג. ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ וועט העלפן אדרעסירן ניו יארק׳ס האָוזינג קריזיס און לינדערן די לאסטן אויף פאמיליעס. איך דאנק די ׳ארקער׳ און ׳טישמען ספעיער׳ אנטוויקלונג טיעמס פאר זייער ארבעט אויף דעם פראיעקט ביז אהער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט זיי אינאיינעם עס דורכצופירן און פארזעצן דאס אויסזוכן וועגן צו אדרעסירן די געזונטהייט באדערפענישן פון אונזער ניי-אויפשטייגנדע ׳פענינסולע׳ קאמיוניטי.״

**דאן מאריטץ, הויפט שותף פון די ׳ארקער קאמפאניס׳, האט געזאגט,** ״דורך אנהייבן ארבעט אויף ׳עדזשמער קאַמאַנס׳ זענען מיר היינט איין טריט נאענטער אויף צו עררייכן די בליק אויסגעלייגט דורך דער קאמיוניטי פאר אן אויפגעלעבטער ׳עדזשמער׳, וועלכע פילע קומענדע דורות וועלן קענען מיט שטאלץ רופן זייער היים. דורך באזארגן העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג, אויסצוראטן א עסנווארג מדבר, ברענגען דזשאָבס, אפענע-לופט ערטער, און ריטעיל געשעפטן צו דער ׳פענינסולע׳, וועט די קאמיוניטי ענדליך באקומען די אינוועסטירונג וואס עס קומט זיך זיי כדי אז ׳עדזשמער׳ זאל קענען בליען.״

**דעיוויד שווארץ, הויפט שותף פון ׳סלעיט׳ פראָפּערטי גרופע, האט געזאגט,** ״מיר זענען שטאלץ זיך צו פאראייניגן מיט דער ׳עדזשמער׳ קאמיוניטי און אנהייבן די ארבעט היינט אויף א פראיעקט וואס וועט העלפן פארעמען דעם געגנט׳ס ליכטיגע צוקונפט. נישט נאר וועט די ערשטע פאזע באזארגן באלד 200 נייע, זיכערע, צוגענגליכע היימען פאר די מענטשן פון עדזשמער, נאר עס וועט אויך ברענגען א נייעם עקאנאמישן לעבן צו א קאמיוניטי וואס ווארט שוין לאנג אויף די הילפס-מיטלען. מיט דער ערשטער געביידע זענען מיר איין טריט נאענטער צו פארווירקליכן דעם לאנגיעריגן טרוים וואס שטעלט צום ערשט די שטימעס פון די קאמיוניטי.״

**סקאט בארקין, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון בלאק אינסטיטוט, האט געזאגט,** ״אין לויף פון 60 יאר איז דער ׳בלאק׳ אינסטיטוט געווען איבערגעגעבן צו אנטוויקלען פראגראמען און סערוויסעס צו שטיצן מענטשן מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס, און מיר זענען אזוי שטאלץ צו זיין א טייל פון דעם טראנספארמירנדן ׳עדזשמער קאָמאָנס׳ פראיעקט. ׳עדזשמער׳ פארטרעט אונזער אנגייענדע שטיצע פאר זיך פארשטעלן דאס לעבן פונדאסניי און פארווירקליכן טרוימען און ציעט ווייטער אונזער אויפשטייג אין קאמיוניטי באשעפטיגונג און אנטוויקלונג. אונזער ארבעט ווערט געטריבן דורך אונזער אויפגאבע, און איז גאר באדייטנד און באלוינענד.״

**שערי טאקער, CEO, פון ׳וועל-לייף׳ נעטוואָרק האט געזאגט,** ״זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג אין ניו יארק סיטי איז א פארמעסט פאר יעדער ניו יארקער. עס איז נאך א גרעסערע שוועריגקייט פאר מענטשן וועלכע מאכן מיט א קראנקהייט וואס ברענגט אומפעאיגקייט. דורך ארבעטן אינאיינעם מיט ׳ארקער קאמפאניס׳ און דער ׳סלעיט׳ פּראָפּערטי גרופע איז אונזער ציל אנצובאטן שטיצנדע, זיכערע און ערנערנדע ענווייראָנמענטס וואו אלע טענאנטן שפירן א געפיל פון געמיינזאמקייט מיט א גרעסערע קאמיוניטי.״

**אלאן ווינער, הויפט פון מולטי-פאמיליע קאפיטאל ביי ׳וועלס פארגא׳, האט געזאגט,** ״׳וועלס פארגא׳ שטאלצירט זיך פארצוזעצן ווייטער אונזער לאנגיעריגע שייכות מיט די ׳ארקער קאמפאניס׳ אויף צו שאפן א צוגענגליכע און צוציענדער ארט פאר פאמיליעס אנצורופן א היים. דער טיעמ׳ס ווירדן זענען גלייך מיט אונזערע, און אונזער נאציאנאלע הויפט ציל אנצובאטן חובות און אייגנטום לייזונגס-מיטלען צו שאפן און אפהיטן העכסט-נויטיגע האָוזינג אין די קאמיוניטיס וואו מיר וואוינען און סערווירן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418